# פיניעלע מזיק

גיט לשון



אביך ענק גיזוגט, אז כעב מיך נעמע צין סיים, בב איעך מיעך טאקיש געגימע. כאשוין פארטיג טאגאנצע קלאפירגיצאג. כאשוין א קלעגיום, יאטן איינס אין איינס, אלע ווראדזאנע באליטער. קא ווילקער אב איעך נישט ציגילאזט.

יעגעם שאביס אב איעך מיט מאנע קילעגן פין וואל־קלעגיום גיגאט א פעזאמליג. איעך אליינט אב גיזוגט א מאווע, אבן אלע קילעגן גישריגן: זאל לעיבן אינדזער קונדידאט פיניעלע! פיניעלע מיז זאן א דופיטאט!

נו, אב איעך מיעך זגאדזשעט אין איעך עב ערטשעם זאן א דופיטאט פין שמולן געסעל.

צ'מיינץ, אז איעך על גיין אין סיים אראן, עב איעך שטוצן אזוי ווי די ווילקער קנאל־טיער פין? זאך אזוי לעיבן מיט ענק ציניזאמעט, ווי איעך על זאן דעיר אייגינער פיניעלע, איעך על גיין אין סיים אראן אין דעיער רעב אייגינער או־ראניע וואעס איעך גיי יעץ. אין דעיעם אייגינעם ווינטעל און אין די אייגעגע הויזן — פיניעלע עט בלאבן פיניעלע!

יעץ ווייסט עץ כאדזשביג וואעס איעך ראכן צי טין? כ'גיי וורעמבירן זעלנער'ס פאר ביסיניע. אין מעט זיי אוועקשיקן צין שווארצן קייסער קא אדיס אבאבוק. אינדזערע באליטער יונגלעך עלן דעם טעלעינער פאציילן די עמעסע מאנסע פין שווייגער.

צ'ווייסט פאוואעס איעך טי דוס? וואל איעך לאך ניש קא גראנדיס. אז א יאטל גייט צי צי א פרעמדען טאסטער אין מ'כאפט עיעם בא דער מילוכע, שראט מע: די גאניוולעץ! אין עיר קריגט עבראכן די ביינער אין דינועך זעצט מען עיעם אראן אין יוישיוו אראן אף א יעירל אין אז דעיר טריליעינער ס'מעליני גייט בעגראנדע ציגראטשן א פרעמדע מידינע בא ביסיניע, הייסט דוס בא זיי פיליטיק — א מיהימע זאל אף זיי קימען!

ני, אב איעך בעשלאסן, צי וורעמבירן זעלנעס פין אינדזערע באליטער יאטליך, אזאכינע וואעס קענע לייגן א לאטע, עט מע זיי שיקן קא ביסיניע צין שווארצן קייסער קא אדיס אבאבוק.

יאטן, ווער פין ענק וויל זיך פאשראבן?

דעוואל אצץ מיער א גיטן שאביס אין זאצט איער גיזינט.

## פון א נעמער מאכט מען נישט קיין צעבער

· וואס איז די מעשה, וואס דער „עסקן" איקס גיט גישט קיין ענטפער אויף די פארוואור־פען, וואס מ'האט איהם געמאכט?

— אנ'„עסקן" קאן געמען און נישט געבען.

# וואר־קל־אנגעז

נראף קאלי.

וואס מיר נויט און פיין און קריזיס?<br>
קיינער וויל פון דעם נישט קלערען;<br>
יעדענס אויג איז איצט געווענדעט<br>
אויפן שטעטעלע לוצערן.

צווישען וועלדער, בערג און בלומען<br>
דארטען ברענגט מען נאכאנאנד<br>
וואונדערבארע שעהנע גרוסען<br>
פון דעם אויפגעלעבטען לאנד.

דארטען רעדען „גענעראלען"<br>
מיט התלהבות, מיט א ברען<br>
הלואי וואלט איך, גראף קאלי,<br>
דארט אין לוצערן געווען.

ליידער בין איך גאר אין „קאלי"<br>
איך, דער ארימער פאעט<br>
כ'וואלט געוויס אהין געפאהרען<br>
האב איך נישט אויף קיין בילעט...

---

אויס די שטורעמס און די רעגענס,<br>
און פון דוטשע מוסאליני,<br>
גרייטען זיך שוין די חילות<br>
צו דעם קאמף אין אביסיניע..

זיינע שטאלצע „שווארצע" העלדען<br>
זענען גרייט צום קאמף זיך שטעלען<br>
א מלחמה וועט שוין ווערען<br>
סיידען.... ענגלאנד וועט נישט וועלען...

שטיל און רוהיג איז אין דרויסען<br>
מ'הערט קיין מיטינגען אין זאלען,<br>
כאטש עס פליהען נישט קיין בענקלעך<br>
זאלט איהר וויסען: ס'געהט צו וואהלען.

ווי אויף דאטשע אין א רעגען<br>
זיצט דער וועהלער אין דער היים<br>
ס'איז ביי איהם קיין נפקא מינא<br>
ווער ס'וועט פאסאל זיין אין סיים...

מיט קיין לאזונגען קיין שעהנע<br>
וועט מען איהם שוין נישט פערחושן<br>
ווער קיין בענקעל וועט נישט קריגען<br>
איהם דאך וועט מען הייסען קושען...

—=—

# פיטעל און טרייטעל



פיטעל: זאג מיר, טרייטעל, האט שוין ביי אונז יודען אויסגעפעהלט פארטייען, וואס מ'האט געמוזט גרינדען א נייע פארטיי „נצא"?

טרייטעל: אודאי האט מען גדארפט, ווארום (די ראשי תבות פון „נצא" מאכט: נאך צוגעפעהלט א נייע.

בעניעלע זאלץ.

## דער שעה איז טויט

און דער „אוזשאנד" מוז זיך ס'זיינ'גע

צו דער פירמע וועסטנקנעפעל קומט מיט עטליכע וואכען צוריק אריין א שטייער־בעאמטער, נעמט ארויס דעם נאקאז פלאטניטשי, און פער־לאנגט מ'זאל איהם קוויטירען.

— ליידער קאן איך נישט קוויטירען, ווייל דער שעף איז געשטארבען — האט דער בוכהאלטער געענטפערט.

די היינטיגע וואך קומט ווידער דער זעלבער בעאמטער מיט א ווענזוואניע, אז וועסטנקנעפעל אליין זאל קומען געבען א וויאשניעניע.

— דער שעף קאן נישט קומען, ווייל ער איז נאך אלץ טויט — האט דער בוכהאלטער גע־ענטפערט.

# נישט שפייען!

אזוי זאגט דער „קונדס"־חכם

אונזער „קונדס"־חכם זאגט אזוי:

— ביי אונז אין לאדז קאנדידירען איצט צום סיים אזעלכע מענשען, וואס על פי יושר וואלטן זיי אויף די פנים'ער געדארפט טראגען אנ'אויפשריפט נישט שפייען!

## אומגליקליכע פרויען, נעבעך!

א גערעכטע טענה פון א יורענע

אין א חסידישען פענסיאנאט זאגט א פרוי צו א מאן:

— אונז פרויען, איז אייביג ערגער פון אייך מאנסבילען. אפילו מיט די עשרת הדברות האט מען אונז, פרויען, אויך בעקזשיוודזשעט.

— מיט וואס?

— אייך מאנסבילען האט מען געגעבען 10 געבאט און אונז נאר 9.

— ווי אזוי?

— נו, יא, וואס געהט אונז פרויען אן דאס געבאט „לא תחמוד אשת רעך"? דאס מיינט מען דאך נאר אייך, מענער!

## ביים דאקטאר

דאקטאר: פאניע איקס, אויף וואס בעקלאגט זיך אייער פרוי?

מאן: אייביג אויף מיר.

## צווישען גרעזער

— סערוואוס, מאריץ, קאנסט מיר אפשר באר־גען א 10־ערל?

— כ'קאן, אבער קאנען, הייסט נישט וועלען.

— די מיינסט, אז איך וועל דירשיסט ווראש אפגעבען?

— ווילען, הייסט נישט קאנען.

# דער קונדס

הומאר •

סאטירע •

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק •

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 197

פרייטאג, דעם 23 אויגוסט 1935

## אנ'אומגליק האט איהם געטראפען



ס'ווייב פאהרט צוריק פון דאטשע...

